**איף תיכף ארויסצוגעבן:** 10/3/2022 **גאווערנער קעטי האוקול**

**גאווערנער האוקול גיבט ארויס פראקלאמאציע צו באשטימען אקטאבער אלס ׳סייבער-סעקיורעטי באוואוסטזיניגקייט מאנאט׳ און הייבט ארויס הילפס-מיטלען פאר קלענערע ביזנעסער און ניו יארקער**

***״זעט אייך אין סייבער״ טעמע באטאנט דער אויפשטייגנדער וויכטיגקייט פון סייבער-סעקיורעטי אין א וועלט וואס ווערט אלץ וואס מער באהאפטן***

***[לייענט די פראקלאמאציע](#) דא***

גאווערנער קעטי האוקול האט היינט ארויסגעגעבן א [פראקלאמאציע](#) דערקלערנדיג אקטאבער אלס ׳סייבער-סעקיורעטי באוואוסטזיניגקייט מאנאט׳. אזוי ווי ניו יארקער שטייען אויס מער און מער סייבער-סעקיורעטי דראונגען, איז ׳סייבער-סעקיורעטי באוואוסטזיניגקייט מאנאט׳ טייל פון די געמיינזאמע סטעיט און נאציאנאלע באמיאונגען זיך צו פארבינדן און באקאנט מאכן פאר׳ן פובליק איבער סייבער-סעקיורעטי און צושטעלן מיטלען און רעסאָרסן זיי צו העלפן זיך האלטן אפגעהיטן אנליין.

״צי איר זענט אן אנהייבן אינטערנעט באניצער אדער א טעכנאלאגיע-באהאוונטע מומחה, שטייען מיר אלע אויס די דראונג פון סייבער-אנגרייפן יעדעס מאל מיר זענען אנליין,״ **האט גאווערנער האוקול געזאגט.** ״דעם אקטאבער, העכערן מיר באוואוסטזיניגקייט פאר ניו יארקער ביי יעדן שטאפל פון פובליק און פריוואטן סעקטאר בשעת מיר זענען פאר ווייטער צו פירן דעם לאנד אין אגרעסיוו באקעמפן די כסדר-ענדערנדע סייבער-סעקיורעטי דראונגען.״

די טעמע פאר דעם 19׳טן יערליכן ׳סייבער סעקיורעטי באוואוסטזיניגקייט מאנאט׳ — ״זעט אייך אין סייבער״— הייבט ארויס די שטייגנדע וויכטיגקייט פון סייבער-סעקיורעטי און ראט פאר סיי יחידים און סיי ארגאניזאציעס צו נעמען די נייטיגע מאסנאמען זיך צו באשיצן אין א וועלט וואס ווערט אלץ מער באהאפטן.

**ניו יארק סטעיט הויפט סייבער באאמטער קאלין אהערן האט געזאגט,** ״גאווערנער האוקול האט געשאפן דעם פאסטן פון הויפט סייבער באאמטער ווייל זי פארשטייט די וויכטיגקייט פון באהיטן דעם סטעיט׳ס סייבער-סעקיורעטי אינפראסטרוקטור פון אויפשטייגנדע דראונגען און פארשטארקערן אונזערע סייבער באשיצונגען. איך בין שטאלץ צו דינען אין דער ראלע און איך בין אנטשלאסן אוועקצושטעלן און בויען באציאונגען איבער אלע שטאפלען פון רעגירונג און דעם פריוואטן סעקטאר זיכער צו מאכן אז ניו יארק׳ס קריטיש-וויכטיגע אינפראסטרוקטור איז זיכער און ווידערשטאנד-פעאיג.״

**ניו יארק סטעיט דיוויזיע פון היימלאנד סעקיורעטי און עמערדזשענסי סערוויסעס קאמיסיאנערין דזשעקי ברעי האט געזאגט,** ״אייער דיגיטאלע זיכערהייט איז אונז וויכטיג. דעם ׳סייבער-סעקיורעטי באוואוסטזיניגקייט מאנאט׳ זאל א יעדער פון אונז נעמען איינפאכע שריטן צו האלטן זיך און אונזערע

ארגאניזאציעס אפגעהיטן. ערמעגליכן מולטי-פאקטארישע פעסטשטעלונג און ניצן שטארקע פאס-פראזן. און זיין וואכזאם אויף זיך צו באשיצן קעגן פהישינג. גאווערנער האוקול און אונז אלע ביים סטעיט מאכן קריטישע אינוועסטירונגען היי-יאר אין סייבער-סעקיורעטי, אבער עס וועט זיך פארלאנגען פון אונז אלע צו ערררייכן די באשיצונג וואס מיר דארפן האבן.״

סייבער-סעקיורעטי פאדערט גאר אסאך פון יעדע ארגאניזאציע, אבער עס קען זיין איבערהויפט שווער פאר ביזנעסער וואס זענען צומאל צו קליין צו האבן א געווידמעטע הויפט אינפארמאציע זיכערהייט באאמטער און סייבער-סעקיורעטי שטאב.

אין צוזאמענארבעט מיט׳ן נאן-פראפיט ׳גלאובעל סייבער עלייענס׳ (Global Cyber Alliance, GCA) גיבט דער סטעיט דעפארטמענט פון פינאנציעלע סערוויסעס א אומזיסטע סייבער-סעקיורעטי געצייג-קעסטל פאר קלענערע ביזנעסער כדי זיי זאלן קענען באהיטן זיך און זייערע קאסטומערס פון מערנדע סייבער דראונגען. די ערטער געדעקט אין דעם סייבער-סעקיורעטי געצייג-קעסטל רעכענען אריין אידענטיפיצירן הארדווער און סאָפטווער, אפדעיט׳ען באשיצונגען קעגן סייבער דראונגען, פארשטארקערן פּאַספּראַזן און מולטי-פאקטארישע פעסטשטעלונג, האבן א בעק-אפ און רעקאווערי סיסטעם פאר דאטא, און אפהיטן אימעיל סיסטעמען. דער בחינם׳דיגער סייבער-סעקיורעטי ׳טוּלקיט׳ פאר קלענערע ביזנעסער און די DFS-אנטוויקלטער מוסטער סייבער-סעקיורעטי פאליסיס קען מען געפונען אויפ׳ן DFS וועבזייטל.

**ניו יארק סטעיט סופעראינטענדענט פון פינאנציעלע סערוויסעס עדריענע עי. העריס האט געזאגט,** ״סיי יחידים און סיי ביזנעסער קענען נעמען קליינע שריטן אויף צו פארבעסערן סייבער ריינקייט וואס קען האבן א גרויסן אימפאקט אויף אלגעמיינע זיכערהייט. די ערשט-אין-לאנד סייבער-סעקיורעטי רעגולאציע ארויסגעגעבן דורכ׳ן ניו יארק סטעיט דעפארטמענט פון פינאנציעלע סערוויסעס באשיצט קאָנסוּמערס און ביזנעסער דורך פארלאנגען פון פינאנציעלע סערוויסעס פירמעס איינצופירן קריטיש-וויכטיגע סייבער-סעקיורעטי קאנטראל-מיטלען, ווי למשל מולטי-פאקטארישע אויטענטיפיקאציע.״

די היי-יעריגע טעמע צילט אויף צו מוטיגן יחידים און ארגאניזאציעס צו פארשטיין די ראלע זיי שפילן אין אפהיטן זייער חלק פון סייבער-ספּעיס. אויב יעדער טוט זייער חלק — איינפירנדיג שטערקערע סעקיורעטי פירונגען, העכערן קאמיוניטי באוואוסטזיניגקייט, אויסשולן מער-הייקעלע אודיענצן, און טרענירן ארבעטער — וועט אונזער אינערליך-באהאפטענע וועלט זיין מער זיכער און מער באפעסטיגט פאר יעדן איינעם.

**ניו יארק סטעיט ניו יארק סטעיט טשיעף אינפארמאציע אפיציר אנדזשעלא ׳טאני׳ רידיק האט געזאגט,** ״סייבער סעקיורעטי בלייבט ווייטער אונזער העכסטער פריאריטעט.״ ״אדאנק די פירערשאפט פון גאווערנער האוקול און אונזערע מיטארבעטער אויף אלע שטאפלען פון דער רעגירונג, איז ניו יארק היינט מער פון אלעמאל גרייט צו אדרעסירן סייבער דראונגען. מיר מוזן אלע ארבעטן איניאיינעם און נעמען פראאקטיווע שריטן צו האלטן ניו יארקער אפגעהיטן.״

**ניו יארק סטעיט הויפט אינפארמאציע באאמטער קריס דעסעין האט געזאגט,** ״עס איז נייטיג אז יעדער יחיד האלט זיך אינוועסטירט אין באשיצן זייער אייגענע דיגיטאלע ד׳ אמות. מיט אונזער שטייגנדע אנגעווייזנקייט אויף טעכנאלאגיע קומט א ניי-געשאפענע ריזיקע צו קאנפידענציעליטעט, גאנצקייט און צוגענגליכקייט. דעריבער מוזן מיר אלע פארשטיין אונזער ראלע אין איינהאלט דער ריזיקע. יעדעס יאר גיבט ׳סייבער סעקיורעטי באוואוסטזיניגקייט מאנאט׳ א געלעגנהייט צו פאקוסירן אונזער אויפמערקזאמקייט אויף פאסיגע ׳סייבער ריינקייט׳ פירונגען, וואס וועט העלפן באניצער באשיצן זייער אידענטיטעט, מכשירים און אינפארמאציע.״

**ניו יארק סטעיט פאליציי סופעראינטענדענט קעווין פ. ברוען האט געזאגט,** ״געזעץ אינפארסירונג ווערט כסדר אויסגעשטעלט צו שוועריגקייטן צוליב אינאוואציע אין אנליין טעכנאלאגיעס אויסגעניצט אויף בייזן דורך פארברעכער אויף צו באראבעווען דעם פובליק אדער אריינקריכן אויף אויסצוזוכן הייקעלע אינפארמאציע. אזוי ווי דראונגען צו אונזער סייבער-סעקיוריטי האלטן זיך איין מערן, דארפן מיר, מיט צוזאמארבעט, זיין פראאקטיוו אין זיך באשיצן פון סייבער אטאקעס. די סטעיט פאליציי איז אנטשלאסן צו ארבעטן מיט אונזערע געזעץ אינפארסירונג צוזאמארבעטער אויף צו באשיצן ניו יארקער און ווערן מער עפעקטיוו אין דירעקט באקעמפן און זיך אפרופן צו דראונגען.״

יעדע וואך אין ׳סייבער-סעקיוריטי באוואוסטזיניגקייט מאנאט׳ פאקוסירט אויף אן אנדערער נושא:

- פארשטיין און איינפירן פשוט׳ע סייבער-באשיצונג פירונגען, אריינגערעכנט שאפן שטארקע פּאַספּראַזן, ניצן מולטי-פאקטארישע אויטענטיקאציע, איינפירן סאָפטווער אפדעיטס און בעק-אָפּס פון דאטא.
- אנערקענען און באריכט ׳פישינג׳ פרואוון, צו זיי קומען דורך אימעיל, טעקסט מעסעדזשעס אדער טשעט קעסטלעך.
- באקרעפטיגן יחידים צו נישט נאר זיך באגייט מיט זיכערע אנליין אויפפירעכטס נאר אויך נעמען אין באטראכט זיך אנשליסן אין דער אויפגאבע צו פארזיכערן אונזער אנליין וועלט דורך נאכגיין א קאריערע אין סייבער-סעקיוריטי.
- צו מאכן סייבער-סעקיוריטי א ביזנעס פריאריטעט דורך פארזיכערן אז פראדוקטן און פראצעסן זענען ׳סעקיור ביי דעזיין׳ און דערמוטיגן דאס אין באטראכט נעמען פון סייבער-סעקיוריטי ווען מען קויפט איין נייע אינטערנעט-באהאפטענע כלים.

ITS קאארדינירט אויך [א גאנץ-סטעיט׳יגע סייבער-סעקיוריטי פלאקאט פארמעסט](#) פאר קינדער אין קינדערגארטן ביז 12׳טע קלאס, א באצייטנסדיגע געלעגנהייט פאר לערער צו פאקוסירן אויף האלטן קינדער אפגעהיטן אנליין אויף א לוסטיגן און אינפארמאטיוון אופן. אריינגעבן צום פארמעסט קען מען ביז דעצעמבער 16, 2022. ניו יארק סטעיט געווינער וועלן פיגורירט ווערן אויפ׳ן ITS וועבזייטל און אריינגעשטעלט אין א נאציאנאלע פארמעסט ספאנסירט דורך דעם ׳מולטי-סטעיט אינפארמאציע מיטטיילונג און אנאליז צענטער׳. אין צוגאב שטעלט צו דער אגענטור א צאל בחינם׳דיגע הילפס-מיטלען פאר׳ן פובליק, אריינגערעכנט דעם [סייבער-סעקיוריטי באוואוסטזיניגקייט ׳טוּלקיט׳](#), וואס אנטהאלט סייבער-סעקיוריטי טעמע פלאקאטן, קאלענדערס, בראשורן, און אנדערע תוכן וואס מען קען דאונלאד׳ען און מיטטיילן מיט אנדערע צו העלפן ארויסהייבן און פארשטארקערן סייבער זיכערהייט טעמעס אין פראקטישע, אינפארמאטיווע, הנאה׳דיגע, און ניצבארע אופנים.

פאר מער אינפארמאציע, באזוכט [דעם ITS CISO וועבזייטל](#), פאלגט נאך דער אגענטור אויף [טוויטער](#) (טעג #NYSCyber) און [פעיסבוק](#).

###

נאך נייעס קען מען באקומען ביי www.governor.ny.gov
ניו יארק סטעיט | עקזעקיוטיוו טשעימבער | press.office@exec.ny.gov | 518.474.8418